יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען

(פולע טאבעלען פון דער מלוכה־לאטעריע זייט 8, 9)

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 163 | Łódź, Niedziela, 16 lipca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, כ״ב תמוז תרצ״ג | № 163 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71־224 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# דער פאקט פון 4 מלוכות

## איז נעכטען אונטערגעשריבען געווארען אין פאריז

פ א ר י ז, 15 (ספ. טעל.)

היינט איז אונטערגעשריבן געווארן דער פאקט פון 4 מלוכות. דער האלב אפיציעלער קאמוניקאט שטעלט פעסט, אז דער פאקט האט אנ׳ערשטקלא־סיגע בעדייטונג. קודם כל וועט ער ברענגען צו אנ׳אפשפאנונג פון די פראנצויזיש־איטאליענישע בעציהונגען און דאן גיט ער די מעגליכקייט פון פערשטענדיגונג און ציזאמענארבייט פון 4 גרויסע מלוכות.

## גיגאנטישע פליה־רייזע איבערן אקעאן

### ניו־יארק—בערלין איז ניו־יארק—קאוונא

נ י ו - י א ר ק, 15 (ספ. טעל.)

פון ניו־יארק איז ארויסגעפליגען צו א רייזע ארום דער וועלט דער בעקאנטער אמעריקאנער פליהער ווילי פאסט, דער ערשטער עטאפ פון דער רייזע זאל זיין ניו־יארק־בערלין.

נ י ו - י א ר ק, 15 (ספ. טעל.)

צוויי ליטווישע פליהער זענען ארויסגעפלו־גען איבערן אטלאנטיק פון ניו־יארק קיין קאוונא

## ווירטשאפטליכער ראט אין דייטשלאנד

ב ע ר ל י ן, 15 (ספ. טעל.)

היטלער האט געשאפען א ווירטשאפטליכען גענעראל ראט אלס בעראטונגס ארגאן ביי דער רייכסרעגירונג.

אין ראט זענען בעשטימט געווארן צווישען אנדערע: קרופ, טהיסען און באנקיר פעגלער.

## א מענש, וואס האט אונטערגעצונדען 125 בנינים

### ער האט געהאט פערגעניגען צו זעהען פייער

ב ע ר ל י ן, 15 (ספ. טעל.)

די פאליציי אין קעניגסבערג האט ארעסטירט א געוויסען פערנע ראקטאר, וועלכער האט אין פערלויף פון 2 יאהר אונטערגעצונדען 125 בנינים. ער האט ערקלערט, אז ער האט געפיהלט א בעזונדער פערגעניגען, זעהענדיג פייער. אויף זיין פערטיידיגונג האט ער ציגעגעבען, אז דורך די פערניכטונגען האט ער צוגעשטעלט ארבייט די ארבייטסלאזע ביים אויסבויען די פערברענטע הייזער.

## וויכטיג נייעס פאר די שפילער פון דער מלוכה־לאטעריע

ווי מיר דערוויסן זיך, איז איינע פון די סיבות, וועלכע האט בעוואויגן די גענעראל־דירעקציע פון דער מלוכה־לאטעריע צו פערקירצען די צייט פון דער ציהונג פון דער 5־טער קלאס פון דער 27־טער לאטעריע ביז צו 15 טעג — געווען דאס צואיילען דעם טערמין פון דער ציהונג פון דער 1־טער קלאס פון דער פארשטעהענדער 28־טער לאטעריע. די ציהונג פון דער 1־טער קלאס פון דער נאהענטסטער לאטעריע וועט פארקומען שוין אין אקטאבער און נישט אין נאוועמבער,, ווי דאס איז געווען געוועהנליך ביז איצט. דאס צואיילען אויך א גאנצען חודש די ציהונג פון דער 1־טער קלאס האט געמוזט אויטאמאטיש האבען א השפעה אויף דער צייט פון דער ציהונג פון דער 5־טער קלאס.

מיר שטרייכען נאך אמאל אונטער מיט דער גאנצער פעסטקייט, אז דאס פערקלענערן די צאהל טעג פון דער ציהונג פון דער 5־טער קלאס האט לחלוטין קיין השפעה נישט אויף דער הויך און צאהל פון די געווינסטען, אלע אנגעצייכענטע אין שפיל־פלאן געווינסען פון דער 5־טער קלאס אין דער צאהל פון 45326 און 1200 טרייסט־געווינסען, וועלכע וועלען אויסגעלאסעוועט, און נאר דאס רעאליזירען פון די האפנונגען וועט פארקומען גיכער ווי ביז יעצט.

* * *

אין שייכות מיט דעם צוגעאיילטען טעמפא פון דער ציהונג פון דער 5־טער קלאס פון דער לויפענדער לאטעריע, וועט נישט זיין איבעריג צו דערמאנען די שפילער וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א גיכער דעציזיע ביים אויסטוישען די לאסען. דער שפילער, וועלכער האט אין די ערשטע טעג פון דער ציהונג פון דער 5־טער קלאס געווינען דעם בידריגסטען געווינס און וויל נישט פערליהרען די שאנסען צו די גרויסע געווינסטען מיט דעם מיליאן זלאטעס אין דער שפיץ, — מוז זיך צואיילען מיטן אויסטוישען דעם געוויזענעם לאס אויף א נייעם לאס, אויב פערשטענדליך, עס וועלען נאך זיין אזעלכע לאסען.

* * *

נישט איינמאל הערען זיך פערשידענע תרעומות פון די שפילער, וועלכע בעקלאגען זיך אויף דער נישט־געהעריגער בעדינונג פון דעם אדער יענעם קאלעקטאר. זעהר אפט זענען די פרעטענזיעס פון די שפילער גרונדלאז, ווייל דער כלל קאלעקטארען בעשטעהט פון זעהר סאלידע און ערפאהרענע סוחרים. עס קאן זיך אבער טרעפען אין די רייהען פון די קאלעקטארען נישט קארעקטע אדער גאר אפשר געוועהנליכע אפעריסטען. אין אזא פאל דארף דער בע׳עילה־טער שפילער אבשטאט צו בעקלאגען זיך, זיך ווענדען פערזענליך אדער בריפליך צו דער דירעקציע פון דער לאטעריע, וועלכע וועט היכף ערטיילען איהם יעדע סאטיספאקציע.


יודישע הילף־געזעלשאפט פאר ארימע „עזרת עניים" לאדז, אלעקסאנדריסקא 19

היינט, זונטאג, דעם 16־טען יולי 3 נאכמיטאג קומט פאר א גרויסע

גארטען־פערוויילונג

פארק „העלענאוו"

פראגראם: — אין — 1) ארטיסטישע נומערן אונטער דער לייטונג פון ליבלינג פון פובליקום יעזשי לענסקי אויסגעפיהרט דורך ערשטקלאסיגע ארטיסטען (פרעהליכע לידלעך, פאראדיעס, עקסצענטרישע טענץ, א וואקאלער דועט און אנדערע). 2) סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ט. רידער. 3) טענץ אונטער דעם פרייען הימעל. 4) פאנטאזי־לאטעריע און בענגאלישע פייערן. -:- די ארטיסטישע אויפטריטען הויבען זיך אן 9 א זייגער אווענד.

איינטריטס־פרייז: 1 זל. — פאר יוגענד און מיליטער־לייט 50 גר.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז.

מיטוואך, דעם 19/7, 8.30 אווענד קומט פאר אין פארק „העלענאוו"

א פייערליכע הערצל־אקאדעמיע

פארק „העלענאוו"

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען: דער עהרען־פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען פון רעליגיעזע און נאציאנאלע לידער דער אבערקאנטאר פון דער טלאמאצקער סינאגאגע אין ווארשא

דעפ. יצחק גרינבוים און דעפ. ד״ר י. ראזענבלאט.

משה קוסעוויצקי

אין מוזיקאלישען טייל וועט אויפטרעטען מיט א רייכען פראגראם ביים קלאוויר: פר. ליכטערמאז־דאווידאוויטש. פון 6 ביז 9 אווענד וועט דער לאדזער סימפאנישער ארקעסטער אונטער לייטונג פון דיר. טעאדאר רידער שפילען ספעציעלע יודישע מוזיק.

בילעטען צו 1.09 זל. צו בעקומען: אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29, „התחיה" פילסודסקיעגא 66, „תוצרת הארץ" שרודמיעסקא 3, אין דער צוקערניע פיעטריקאווער 12, גורין, נאוואמיעסקא 15, וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 און אין טאג פון דער אקאדעמיע ביי דער קאסע פון „העלענאוו"

Łódzkie Towarzystwo Zachęty do Wyścigów Konnych

22, 23, 29, 30/7
5/8, 6, 12, 13, 15,
19, 20/8 r. b.

פערד־געיעגען אין לאדז

(Tor w Rudzie Pabianickiej)

אנהייב פון די געיעגען פינקטליך 3.30 נאכמיטאג. צופאהר אויף די געיעגען מיט דער צופאהר־קאלייקע פון ריימאנט־פלאץ געזיכערט שוין פון ערעפנונגס־טאג ביז ענדע פון די געיעגען.

